בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

בעניני השעה
ס"ג פרשת בראשית תשפ"ד מאמר ג'
בשילוב מהנאמר יום ג' פרשת נח

יו"ל פר' נח תשפ"ד



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

**© כל הזכויות שמורות**
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

**עס** זענען פארהאן זאכען וואס מיר האבען נישט די קאראזש דאס צו זאגען, אבער מיר קענען פארציילען א מעשה וואס וועט דאס גוט באדייטען. נאנט צו הונדערט יאהר צוריק - בשעת די פרעות וואס האט פאסירט אין חברון אינעם יאהר תרפ"ט, האט **הגאון רבי שאול בראך זצ"ל** - בשעת ווען ער איז געווען רב אין קראלי - געזאגט בשעת ער האט מספיד געווען די קדושים וואס זענען אומגעקומען הי"ד, אז ס'שטייט אין מדרש אז די רבונו של עולם נעמט די בלוט פון די וואס זענען געהרג'ט געווארען אויף קידוש השם, און ער פארבט דערמיט זיין מלבוש [כביכול שיש מלבוש כלפי מעלה], האט דעאמאלט דער קראלי רב געגעבען א געשריי און געזאגט: **'רבונו של עולם, האסט זיך געמאכט א נייער בגד פון אונזער בלוט'.**

**א** פריוואטע מענטש קען נישט פרעגען קיין שאלות, אבער כנסת ישראל האט א זכות צו פרעגען, אזוי וויא דער פסוק זאגט (ישעיה סג, ב) 'מדוע אדום ללבושך', **רבונו של עולם - פארוואס האבען אזוי פיהל בלוט געפארבט דיין מלבוש?!**

**דעם** תשובה אויף די שאלה זאגט אונז דער נביא. ס'שטייט אין ירושלמי (תענית פ"א ה"א) אז אין גלות בבל האבען די יודען געזאגט צו ישעיה הנביא **'רבינו ישעיה מה יוצא לנו מתוך הלילה הזה'** - ד. ה. וואס קומט אונז ארויס פון דעם דאזיגען גלות, **'אמר להן הנביא המתינו לי עד שנשאל'** דעם רבונו של עולם, וואס לכאורה איז זייער שאלה נישט פארשטענדליך, דאס איז דאך א דבר פשוט וואס קומט ארויס פון די גלות - אז צום סוף וועלען מיר זוכה זיין צו די גאולה. נאר זייערע שאלה איז געווען, אז געוויס טאקע איז רעכט אז צום סוף פונעם גלות וועט מען זוכה זיין צו די גאולה, אבער אדערווייל איז דאך דער פינסטערניש אזוי גרויס, און וואס פאר א צוועק איז דא פון די פארשטעליכטצער. אויף די שאלה האט זיי די נביא געענפערט **'אמר שומר אתא בוקר'** (ישעיה כא, יב), 'אתא' בוקר שטייט אויף אראמיש - 'אתא', און דאס מיינט צו זאגען, געוויס געפינט עטץ זיך יעצט

אין גלות און עטץ רעדט'ס אין לשון ארמית, אבער אויך אין די שפראך - אין ענקער שפראך, וועט עטץ פארשטיין אז ס'איז דא דער וואס פאסט אויף און היט אויף ענק בשעת'ן גלות, אויך ווען ס'איז טינקעל און פינסטער און ווען ס'איז דא פארשטעליכטצער, און ס'איז פארהאן א פרימארגען - א 'בוקר' וואס וועט נאך אנקומען בשעת'ן גאולה, און פון די שטארקייט און פעסטקייט פונעם פינסטערניש, זאלט עטץ זעהן וויא גרויס איז די ליכטיקייט וואס גייט זיין לעתיד.

**ס'איז** פארהאנען א מענטש וואס זיין **'אמונה'** ליגט איהם אין די בוידעם, און נאר ווען ער דארף דאס - נעמט ער דאס אראפ אין באניצט זיך דערמיט, אזיין סארט אמונה איז אפשר גוט ווען אלעס פירט זיך נארמאל, אבער בשעת ווען עס פאסירט אזעלעכע סארט געשעענישען וואס באמת שאקירען דאס מענטשהייט, קען מען זיך נישט באגעניגען מיט דעם וואס דער מענטש רעדט דיבורי אמונה, נאר מ'דארף לעבען 'אמונה', און שפירען די 'אמונה' מיט'ן גאנצען געוועזינהייט. און דווקא אין די סארט געלעגינהייט, איז דאס א פראבע אין די עולם המעשה פון אמונה - עת המבחן המעשי של האמונה, זיך צו שטארקען און אריין נעמען טיף אין הארץ און וויסענשאפט אז דער רבונו של עולם איז דער וואס געבט אכטונג אויף אונז און טוהט אלעס - עושה את כל המעשים.

**שטייט** אין פסוק (תהלים לב, י) 'רבים מכאובים לרשע והבוטח בה' חסד יסובבנו', לויט'ן פשוטען פשט אין פסוק, מיינט דאס אז ס'דא צוויי באזונדערע חלקים אין פסוק - דער 'רשע' האט ווייטאגען - 'מכאובים', און דער וואס פארלאזט זיך אויפ'ן אייבערשטען 'הבוטח בה'', נעמט איהם ארום חסדים - 'חסד יסובבנו'. אבער דער **שפת אמת** (תהלים שם) ברענגט אז ס'דא וואס זענען מדקדק (עי' תהלות ישראל למגיד מקוזניץ זי"ע תהלים שם) אז דער טעם המפסיק [אין תהלים איז דער 'טעם המפסיק' נישט קיין אתנחתא] איז אויפ'ן ווארט **בה'**, וואס לכאורה וואלט דאס געדארפען זיין אויפ'ן ווארט **לרשע**. טייטשט דער שפת אמת אז ס'איז אמאהל דא מכאובים - ווייטאגען

צרות און הסתרות אויף פאר'ן בוטח בה', רבים מכאובים - לרשע ולבוטח בה', אבער באר'ן בוטח בה' עטוויקעלן די מכאובים דאס געפיהל אז דער רבונו של עולם געפינט זיך ארום איהם, ווייל ער גלייבט באמונה שלימה אז דער אייבערשטער פיהרט די וועלט מיט א פערזענליכע השגחה אויף יעדער פרט און פרט, און ער קלערט אריין זיך צו ערוועקען פון אלע געשעענישען און אלע ווייטאגען - צו אנערקענען חסד ה', ווייל ער זעהט אין יעדער פאטש דעם השגחת ה',ביים רשע איז דאס א פאטש - מכה, און ביים צדיק ערוועקט דאס חסד.

**שטייט** אין די גמרא (שבת ה: ועוד) 'בעי רבא אגוז בכלי וכלי צף על גבי מים, בתר אגוז אזלינן והא נייח, או דילמא בתר כלי אזלינן והא לא נייח דנייד, תיקו'. א 'אגוז' האט נישט קיין געפילען - און דאס איז נאר אן הלכה'דיגע שאלה דארט אין די גמרא. אבער מיר בעצם, דאס וואס מיר האבען זיך פארגעשטעלט און איינגערעדט אז מיר געפינען זיך אין א פארזיכערטן און א רואיג'ן אפגעהיטענע כלי - און מיר שטייען אין איין פלאץ - נייח, אין אמת'ן אריין שאקלען מיר זיך אין א שטורעמ'דיגע ים. און מיט דעם וואס מיר אנערקענען און פיהלען אז מיר זענען אין א וואסער שטורעם - פרעגט זיך יעדער איינער: **וואס וועט זיין?!** אבער אין אמת'ן אריין איז דאס אליינט וואס דער רבונו של עולם וויל פון יעדער איינער און איינער, אז יעדער איינער זאל שפירען אז ער געפינט זיך נישט אין א פארזיכערטע און א רוה'יגע ארט, דו הערשט'ס נישט אינעם צושטאנד און דאס וואס געשעהט מיט דיר, נאר דו דארפסט זיין אונטערגעטעניגט צום רצון פונעם אייבערשטען.

**אט** איז אונז ערמעגליכט געווארען און מיר האבען געזעהן דעם אמת'קייט פונעם פסוק אז אפילו אויב א גשמיות'דיגע שומר היט אויף אונז - אנדעם וואס ס'זאל זיין די היטונג פונעם אייבערשטען - שמירת ה', איז דאס פאלטש - 'שוא', אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (תהלים קכז, א) **'אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר'**, און געוויס וועט דער גשמיות'דיגע שומר האט נישט געהיטען - האט מען די פארשטאנד

צו פארשטיין אז דער אייבערשטער איז דער וואס היט און געבט אכטונג. דער נאטירליכע געפיהל וואס יעדער איינער האט - אז מען וויל הערשען און שולט זיין אויפ'ן מצב, דער רבונו של עולם וויל פונקט דאס פארקערטע דערפון, און מיר דארפען הערען דאס רוף פון אויבען: **עטץ הערשט נישט, נאר עטץ דארפט זיך אונטערטעניגען צו מיין רצון, און מקבל זיין מיין רצון.**

**איך** האב שוין פארציילט אז דער טאטע כ"ק **אאז"ל הפני מנחם זי"ע** האט מיר פארציילט אז אין זיין יוגענד, ווען האט ער געהאט שווערע צייטען און איז אריבער שווערע תקופות, האט ער זיך מתחזק געווען מיט לערנען **ספר קהלת.** בהשקפה ראשונה זענען זיינע ווערטער געווען א פלא אין מיינע אויגען, ווייל דורכ'ן לערנען ספר קהלת קען מען אריינפאלען אין יאוש און אין עצבות, און אפשר גאר אויך צוקומען צו מרה שחורה, ווען מען זעהט וויא אזוי איז אלעס הבל - פוסט, און אויך דער וואס האט שוין יא עפעס - מה יתרון בכל עמלו, שלמה המלך שילדערט אין קהלת וויא ווייט דער מענטש איז נאר א קליין שרויף, און וויא ווייט ער איז גארנישט, אויב אזוי וואס פאר א חיזוק און שמחה האט מען פון לערנען ספר קהלת.

**ווען** איך בין מער עלטער געווארען האב איך פארשטאנען די טיפקייט פון דעם, ווייל כדי אז דער מענטש זאל צוקומען צו האבען חיזוק און א אמתד'יגע שמחה, דארף ער טוישען זיין גאנצע בליק וויא אזוי ער קוקט אויף די וועלט, כל עוד וואס דער מענטש אליינט און זיין ווענען געפינען זיך אין די צענטער פונעם וועלט, האט ער טאקע פון מאהל צו מאהל פראבלעמען, און בפרט אין א צייט פון א קריזעס וואס דעמאלט זארגט ער זיך וואס וועט געשעהן אין דעם צוקומפט, ס'איז איהם שווער זיך מתחזק זיין און צוקומען צו זיין שמחה. **ספר קהלת לערנט אויס און ווייזט דער מענטש אז ער איז נאר א קליינע חלק פונעם גאנצען אלמעכטיגען בריאה פונעם אייבערשטען,** ואין יתרון בכל מה שיעמול תחת השמש, ווייל די וועלט שטייט און איז קיים פאר איהם און נאך איהם, ואין זכרון לכל מעשיו, און נאכדעם וואס ער וועט דאס פארשטיין - אז ער איז א חלק פון עפעס גאר גרויס און שטארק, און דער רבונו של עולם געפינט זיך אין די צענטער - און ער איז בסך הכל א שליח פונעם רבונו של עולם וואס גלייבט אין איהם און

געבט איהם צוריק יעדען טאג די נשמה פון פריש, און ער האט א תפקיד און א שליחות וואס ליגט אויף איהם מקיים צו זיין, דעמאלטס ארט איהם ווייניגער דאס וואס געשעהט מיט איהם, ווייל ער קומט צו צו די וויסענשאפט און פארשטאנד אז געוויס איז ער טאקע נאר א קליינע טשוואק און שרויף און א חלק פון א גרויסע מערכה, ער ווערט געפירט דורכ'ן אייבערשטען, און אלעס ווערט געפירט לטובה.

**מ'דארף** געדענקען אז אין יעדען צושטאנד וואס עס זאל נאר זיין - און אויך היינט צו טאג - **'הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל'**, סיי אויב די שומרים בשר ודם היטען, און סיי אויב די בשר ודם פארהוילען זיינע אויגען און היטען נישט, איז דער רבונו של עולם לא ינום ולא יישן, ער געפינט זיך, און ער היט און געבט אכטונג. עס ליגט אויף אונז מיר זאלען מחזק זיין די וויסענשאפט און דעם געפיהל אז מיר זענען בעצם די שליחים פונעם אייבערשטען, און מיר דארפען משתדל זיין אויס צופירען די שליחות אזוי וויא עס דארף צו זיין, און אויך אויב מיר האבען ווידער געשפעניגט אינעם פארגאנגענהייט אין אונזער תפקיד, גלייבט ער אונז און פארלאזט זיך אויף אונז יעדען טאג פון פריש, און ער געבט אונז צוריק די נשמה און די לעבען יעדען טאג און טאג.

**'אמונה'** אין אייבערשטען, איז נישט קיין סתירה צו השתדלות, די השתדלות וואס מען דארף טוהן לויט וואס ס'איז די שטייגער אין פארשידענע אומשטענדען - דארף מען טוהן, אבער אויך דעמאלט ווען מען מאכט די השתדלות - סיי אינעם היינטיגען מצב, און סיי אין פרנסה, רפואה, שידוכים און אין יעדער זאך וואס ס'זאל נאר זיין אין עניני העולם, דארפען מיר געדענקען אז דער אייבערשטער איז דער מנהיג און ער טוהט אלעס, נאר ס'איז אויף אונז נגזר געווארען צו מאכען השתדלות, מ'דארף טוהן די השתדלות אבער זיך נישט פארלאזען אויפדעם און נישט אנהענגען אין זיי קיין האפענונג, נאר מיר טוהן דעם השתדלות וויבאלד מיר זענען מחויב דאס צו טוהן, אבער דער בטחון און דער רואיג'קייט איז אינעם

אמונה אינעם רבונו של עולם. און דאס איז בכלל נישט קיין סתירה, ווייל ס'איז צוויי באזונדערע זאכען. און דעם געוויסען זאך דארף מען מסביר זיין און געבען צו פארשטיין פאר די בני המשפחה און די קינדער, אז דער רבונו של עולם היט און געבט אכטונג אויף אונז אין יעדען צייט און אין יעדען אומשטאנד, און דער אייבערשטער האט אונז באפוילען אז מיר זאלען אויך מאכען השתדלות, אזוי וויא די געוועגדליכע השתדלות וואס מען טוהט אין יעדען זאך, נישט אזעלעכע סארט זאכען וואס מען טאר נישט טוהן, און נישט מיט קיין עקסטרעמע זאכען, נאר מיט אזעלעכע סארט זאכען וואס עס איז די שטייגער זיי צו טוהן אין די סארטען אומשטאנדען.

**אין** אמת'ן אריין שעם איך זיך צו רעדען אויף דעם געוויסען זאך, אבער נאכדעם וואס ס'איז געווען אזעלעכע וואס האבען געפרעגט וויא אזוי דארף מען שפירען ווען ס'דא דא שמחות אין די טעג, ווייל אין די אומשטענדען זענען די צאל פון די משתפפים זעהר ענג וכדומה. באר'ן צייט פון די 'קורונה' איז דאס געווען א שאלה אין פלאץ, וויא אזוי מען זאל זיך פארמעסטען מיט א חתונה וואס מען גרייט זיך אזוי צו צודעם און מען מען ווארט דערויף, און פאר'ן חתן מיט'ן כלה איז דאס א איינמאהל'דיגע שמחה אין זייער לעבען, און צוליב די הגבלות איז געווארען דערין פראבלעמען. אבער אינדעם איצטיגען צושטאנד?! עס איז דאך פארהאן טויזענטער מענטשען וואס האבען פארלוירען זייערע קרובים, הונדערטער מענטשען וואס האבען פארלוירען זייערע הייזער, און ס'דא נאך ערגער דערפון, אזעלעכע וואס זייערע קרובים האט מען געפאנגען און זיי ווייסען אפילו נישט וויא זיי געפינען זיך, וואס האט א מענטש זיך אפצורעדען?! צו דען קען מען בכלל האבען די עזות און זיך אפרעדען אויפדעם אז עס פעלט אונז עפעס, אדער מען האט אונז צוגענומען עפעס?! מ'דארף זיך שעמען צו פרעגען אזיין סארט שאלה, דאס איז בכלל נישט קיין שאלה, נאר מ'דארף זיך פרייען מיט דעם וואס מען האט. ווייל עס איז נישט דא 'אונז' און 'זיי', דאס איז כלל ישראל! עס איז דא 'ערבות'

פון יעדער איינער פאר יעדער איינער, און ווען מען געבט א קלאפ פאר איין אבר אינעם גוף - טוהט די גאנצע גוף וויי, און דעריבער איז בכלל נישט קיין שאלה וויא אזוי זיך צו פארמעסט מיט'ן הגבלות, ווייל די קאפ דארף בכלל נישט זיין קלאר און אפען אויף אזעלעכע סארט שאלות.

**דער שפת אמת** (וישב תרס"א ד"ה בפסוק, ועי' שפתי צדיק פסח-שה"ש אות לה) ערקלערט, אז דער 'חן' וואס יוסף הצדיק האט געהאט אין הימעל איז געווען וויבאלד ער איז געווען אונטערגעטעניגט צום רצון הבורא ית"ש אין יעדען צושטאנד וואס עס זאל נאר זיין, סיי ווען מען האט איהם פארקויפט צו מצרים, און סיי ווען מען האט איהם אריין געלייגט אין תפיסה, סיי ווען מען האט איהם באשטימט צו זיין די משנה למלך, שטענדיג האט ער געזאגט: **רבונו של עולם דו פירסט מיר גוט אין יעדען געשעעניש וואס עס געשעהט נאר צו מיר, 'גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי'.**

**מ'דארף** זעהן אכטונג צו געבען אין יעדען אומשטאנד וואס ס'זאל נאר זיין, נישט צו פארלירען דעם יישוב הדעת. אינעם ספה"ק **עבודת ישראל פונעם קאזניצער מגיד** זי"ע שרייבט ער אין די פרשה (בראשית) אזעלעכע סארט דיבורים וואס עס פאסט און עס איז נוגע צום מצב וואס עס געשעהט יעצט דא אין ארצינו הקדושה. דער רבונו של עולם האט געזאגט צו קין 'נע ונד תהיה בארץ' (ד, יב), פרעגט דער קאזניצער מגיד זי"ע (פסוק טו) אז מען דארף פארשטיין דעם ענין פונעם קללה, געוויס האט דאך דער מענטש א בחירה אויס צו קלויבען א ארט וויא ער זאל בלייבען זיצען און זיך נישט וואלגערען פון איין פלאץ צום צווייטען. און ער ערקלערט אז דער אייבערשטער האט אריין געגעבען אין איהם א רוח עועים און עפעס א פחד און א שגעון, חוסר מנוחה ואי שקט, וואס דורכדעם האט ער נישט אויסגעקליבען א פלאץ וויא זיך צו באזעצען, נאר צו זיין א נע ונד בארץ [כעין דאס וואס מען רופט היינט אן נערווין - חרדות, אן קיין אמת'ע סיבה וואס איז נראית לעין], און אויב קין'ס מחשבה וואלט געווען

דבוק אינעם אייבערשטען אזוי וויא עס דארף צו זיין, אזוי וויא ס'איז געווען פאר'ן חטא, וואלט זיך דעמאלט געוויס אפגעטוהן פון איהם אלע נערווין און פחדים, און ס'וואלט נמתק געווארען אלע דינים. און אזוי וויא ס'שטייט (משלי ג, ו) 'בכל דרכיך דעהו' - אין אלע וועגען - דרכים, און אין אלע אומשטאנדען - מצבים, נאר דאס אליינט איז די עצם קללה - אז דורכ'ן חטא איז איהם צומישט געווארען זיין מחשבה פון זיין דבוק אינעם רבונו של עולם, און ער איז געווען נע ונד אין זיין מחשבה ביז אז ס'האט איהם צוגעברענגט צו די פחדים און צו זיין א נע ונד אינעם לאנד.

**דאס** איז אונז נוגע אינעם היינטיגען צושטאנד, מ'דארף זיך באהעפטען און מתדבק זיין אינעם רבונו של עלם, מקיים זיין 'בכל דרכיך דעהו' אין יעדען אומשטאנד און אין יעדען געשעניש וואס ס'זאל נאר זיין, '**דעהו**' איז מלשון חיבור [אזוי וויא ס'שטייט (ד, א) 'והאדם ידע'], דו ביסט מחובר צום אייבערשטען, דארפסטו זעהן נישט צו לאזען דיינע חטאים און דיינע געפילען דיר אפרייסען און אפהאקען פון איהם ית"ש, נאר דו זאלסט גוט געדענקען אז דו ביסט שטענדיג באהאפטען און מחובר צום אייבערשטען, און דורכדעם וועט נישט אריינגיין ביי דיר אין הארץ קיין פחדים און קיין חרדות.

**און** עס שטייט אין ספה"ק (דברי שלום קוידינוב בשם הרה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זי"ע) אויפ'ן פסוק (ד, טו) 'וישם ה' לקין אות לבלתי הכות אותו כל מוצאו', אז דער אייבערשטער האט געגעבען א '**אות**' - א צייכען, ד.ה. כח און קדושה, '**לבלתי הכות**' אז ס'זאל איהם נישט פארמישט ווערען די מוח, '**כל מוצאו**' - אלעס וואס וועט איהם באטרעפין, ער זאל נישט נתרגש און נתפעל ווערען פון אלעס וואס געשעהט מיט איהם, און פון אלע געשעעענישען וואס גייט אויף איהם אדורך, ווייל אין יעדען צושטאנד און אין יעדען מצב וואס ס'זאל נאר זיין קען מען זיך שטארקען אין אייבערשטען.

**מיר** האבען שוין דערמאנט (בהכנסת ספר תורה לביהח"ס באשדוד לעילוי נשמת קדושי מירון - ד' לך תשפ"ב) צו געבען צו פארשטיין די מסורה וואס דער **בעל**

הטורים ברענגט אראפ אויפ'ן פסוק (ד, יד) 'והיה כל מֹצְאִי יהרגני', 'מֹצְאִי' ב' במסורת, הכא, ואידך 'כי מֹצְאִי מצא חיים' (משלי ח, לה). זעה דארט וואס ער פארטייטשט לדרכו.

**וי"ל** אז קין האט געזאגט 'כל מוצאי יהרגני', ווייל ער איז נכשל געווארען אין קנאה תאוה און כבוד און ער האט געהרג'ט הבל זיין ברידער, און דערנאך איז ער געווען פיהל מיט פחדים און דמיונות, ווייל ער האט נאכנישט זוכה געווען צו באקומען די תורה, און ווען מ'האט געוואלט נוקם זיין אין איהם, איז איהם אריין א פחד און א בהלה, און דעריבער האט ער געדארפט האבען א ספציעלע אות מ'זאל איהם נישט הרגנ'ן [אין מדרש (ב"ר כב, יב) שטייט **אז** די 'אות' איז געווען א הונט - כלב - שמירה פון די סטרא אחרא, און ס'איז פארהאן אינדעם נאך דעות אז ס'איז געווען די אות פון שבת מיט די אות פון תשובה]. אבער מיר אידישע קינדער האבען א אות בעצם, א שייכות בעצם צום רבונו של עולם, מוצאי מצא חיים, דער וואס איז שייך און צוגעבינדען צו די הייליגע תורה, איז ביי איהם בכלל נישט שייך 'והיה כל מֹצְאִי יהרגני', ווייל דער וואס טרעפט די תורה - ד. ה. אז ער איז צוגעבינדען און שייך מיט די תורה הק', און ער האט ליעב די תורה, האט ער נישט וואס מורא צו האבען פון אלעס וואס געשעהט נאר, און פון אלע מאורעות, און אנדעם וואס ער זאל דארפען אנטליפען און לייגען אויפ'ן שטערען א צייכען - 'מוצא חיים' טרעפט ער דאס לעבען דורכ'ן תורה הק'.

**אבער** מ'דארף אנמערקען אז 'מוצאי מצא חיים' אין תורה - מיינט נישט גלאט אזוי צו וויסען אז ס'איז דא א תורה, און מען מיינט אויך נישט דער וואס לערנט תורה, ווייל געוויס זיכער דארף מען לערנען תורה און זיך מתייגע און מיטשען אין די תורה הק', ווייל אן לערנען און יגיעת התורה קען מען נישט זיין שייך צום רבונו של עולם, אבער אויסער דעם דארף מען געדענקען אז די עיקר איז דאס וואס די תורה אנדעקט און לערנט איהם וואס ער דארף פארעכטען - אורייתא מודעת ליה חוביה.

**דעם** דאזיגען זאך אז 'אורייתא מודעת ליה חוביה' בשעת מען געפינט זיך יעצט אין א עת צר, קען מען ארויס לערנען פון א מסורה וואס דער **בעל הטורים** ברענט, ס'שטייט אין פסוק (ד, י) 'ויאמר מה עשית קול דמי אחיך **צועקים** אלי מן האדמה', זאגט דער בעל הטורים '**צועקים**' ב' במסורת, הכא, ואידך (שמות ה, ח) 'כי נרפים הם על כן הם **צועקים** לאמר נלכה נזבחה לאלקינו'.

**מ'קען** טייטשען על דרך הדרוש אז ס'גייט ארויף אויפ'ן היינטיגען מצב, '**דמי אחיך צועקים**', אלע פארשטייען אז מ'דארף זיך אויפוועקען און עפעס טוהן - נאך אלע געשעענישען וואס האבען פאסירט אינעם פארנעם און מיט א שלעכטסקייט וואס מ'קען נישט באגרייפען און משיג זיין. אבער דער וואס איז פויל און נאכגעלאזט, פארעכט נישט זיינע מעשים באמת אין די זאכען וואס עס פאדערט זיך צו פאבעסערען און פארעכטען, נאר ער איז זיך מתחזק אין די טפל'דיגע זאכען, און ער זאגט 'נלכה נזבחה לאלקינו' מיט אידרויסענ'דיגע זאכען, לאמיר אנטוהן נאך א גארטעל און לאמיר זיך שאקלען שטערקער, טוהן דבר פלוני אדער אלמוני, געוויס טאקע זענען די אלע זאכען גוטע און חשובע זאכען, און עס איז געוויס בעסער זיי צו טוהן איידער וויא איינצוזינקען אין חטאים און עבירות, אבער דאס איז נישט די רעטונג!

**בשעת** ווען ס'איז 'דמי אחיך צועקים', דארף מען זיך נישט באגעניגען און זיין נרפים הצועקים לאמר 'נלכה נזבחה לאלקינו' - לאמיר מאכען א מצב פון נאך א התעוררות, נאר מ'דארף מאכען א אמת'דיגע און א אינערליכען טויש, אינעם גאנצען עגזיסטענץ, טוישען וואס יעדער פריוואטע מענטש דארף זיך באמת טוישען, בעסער מאכען און פארעכטען זיינע וועגען און זיינע מעשים.

**דער שם משמואל** (תרפ"א) ברענגט פון זיין זיידען דער **קאצקער רבי זי"ע** וואס האט מסביר געווען דעם אונטערשידט צווישען א פוילער מענטש - א 'עצל', מיט א פאמעליכער און געלאסענער - א 'מתון', וואס לכאורה פון אויבען אויף זענען זיי איין זאך. נאר פשט דעריין איז, אז איינער וואס ער איז

א 'מתון' טוהט ער די פעולה מיט ישוב הדעת און דעריבער יאגט ער זיך נישט אין ערגיץ, אבער א 'עצל' איז דאס פארקערטער, ער פוילט זיך מתיישב זיין בדעתו און ער טוהט די פעולה אן קיין ישוב הדעת [און לויט דעם ערקלערט דער שם משמואל דאס וואס ס'שטייט אין מדרש אז אדם הראשון איז געווען א עצל, עי"ש]. '**נרפים**' זענען די וואס זענען פויל פון אריינקלערען טיפערהייט און מאכען א אמת'ע חשבון הנפש, און צוליב דעם זאגען זיי '**נלכה נזבחה לאלקינו**', לאמיר גיין טוהן און מאכען, ווייל אויב עטץ וואלט נישט געווען קיין נרפים און עצלים, וואלט עטץ אריינגעקלערט און אריין געקוקט אינערווייניג, און עטץ וואלט געזעהן וואס עטץ דארפט באמת טוהן, און מיט וואס דארפט עטץ באמת זיך טוישען.

**חז"ל** זאגען (ברכות ז.) 'טובה מרדות אחת בלבו של אדם יותר ממאה מלקיות ומאה תוכחות', און אט יעצט איז געקומען אויף אונז אסאך מער וויא מאה מלקיות און מאה תוכחות - אלף תוכחות און אפילו מער פונדעם, און עס איז שווער צו וויסען וויא אזוי דאס מגדיר צו זיין, אבער מיט דעם אלעם, מאה מלקיות און מאה תוכחות איז גאר מעגליך אז ס'זאל צוברענגען דערצו אז דער מענטש זאל נאר זאגען 'נלכה נזבחה', און נאר אויב ס'דא א מרדות אחת בלבו של אדם - א אמת'ע התעוררות אין פנימיות הלב, ווייל יעדער איינער ווייסט דאך מיט וואס ער איז נישט אין ארדענונג, און מיט וואס דארף ער זיך טוישען און פארעכטען, יעדער איינער ווייסט! נאר ער פראבירט צו שמירען די התעוררות און טוהן אנדערע סארט זאכען, אבער ער דארף זיך ערוועקען מיט א מרדות אחת אין פנימיות הלב אויף די זאכען וואס יעדער איינער ווייסט נגעי נפשו וואס ער דארף באמת פארעכטען.

**מ'טאר** זיך נישט פוילען פון אריינקלערען במחשבה כדי צו אנערקענען וואס מען וויל דא פון אונז, מען וויל אז מיר זאלען פארשטיין און אנערקענען אז די וועלט - עולם הזה איז א צייטווייליגע וועלט, און הלואי אז אלע זאלען בלייבען לעבען ביז הונדערט און צוואנציג יאהר - עד מאה ועשרים שנה, אבער מיט דעם

אלעם איז דאס נאר א צייטווייליג צייט, און מ'דארף זיך באהעפטען צום רבונו של עולם. און מיט'ן דאווענען - תפלה קען מען זיך מתחבר זיין צו איהם, ווייל תפלה איז א לשון חיבור, און דאווענען אין יעצטיגען צושטאנד איז דאס א אמת'ע בחינה פון 'תפלה לעני כי יעטוף', מען דארף נישט זיין א ארימאן אין געלט זאכען כדי מתפלל צו זיין 'תפלה לעני', נאר א עני ווערט אנגערופען דער וואס האט גארנישט פון זיינע אייגענע כוחות, און ער פארשטייט אז דער רבונו של עולם איז דער וואס נעמט און וויקעלט איהם ארום, און ער איז דער וואס היט אויף איהם, דאס איז א אמת'ע חיבור צום אייבערשטען.

**און** קודם כל, דארף מען זיך מתחזק זיין אין אמונה, **'ולא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו'** (הושע יד, ד), און דאס האט נישט קיין שום קשר צו ציונות און צו פאליטיק, נאר **יעדער איינער דארף מחזק זיין ביי זיך דעם געפיהל פון אמונה מיט בטחון אין אייבערשטען, זיך פארלאזען נאר אויף איהם ית"ש.** איך האב געקענט פאר פופציג יאהר צוריק, אידען - וואס זיי זענען טאקע נישט געווען קיין צדיקים און בעלי מדרגות - אבער זייערע אמונה פשוטה איז געווען א אמת'דיגע און א גרונדליכע אמונה, נישט קיין פאלשע אמונה אדער א סינטעטישע אמונה, א אמת'ע אמונה אין טיפעניש פון הארץ וואס זיי האבען דאס געזייגט פונעם מאמע'ס מילעך, פון די אידישע באבעס וואס האבען טאקע נישט געוואוסט קיין סאך תורה אזוי וויא די מאמעס ווייסען היינט, אבר זיי האבען געהאט א גרונדליכע אמונה אינעם רבונו של עולם. און דאס פעלט אונז זייער אויס היינט, מיר מיינען און טראכטען אז מיר זענען חכמים וואס פארשטייען מער און מ'איז פארגעשטעלט, אבער ס'איז נישט אזוי, ווייל ס'פעלט אונז דעם פשוט'ע אמונה, צו וויסען און לעבען מיט א געפיהל אז ס'דא א רבונו של עולם אין יעדען פאל, אין יעדען צושטאנד, יש ה' בקרבנו - דער אייבערשטער איז דא צווישען אונז, נישט קיין דרויסענ'דיגע אמונה מן השפה ולחוץ - נאר אריין קריצען די אמונה אין טיפען הארץ און וויסענשאפט און לעבען מיט אמונה.

**און** נאך א זאך וואס מען דארף זיך מתחזק זיין און געדענקען, דאס וואס ס'שטייט אין פסוק (תצא כג, טו) 'והיה מחניך קדוש ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך', דארט וויא ס'איז פארהאן אזעלעכע סארט זאכען וואס זענען מסלק די שכינה הק' ית"ש, געפינט ער זיך נישט דארטען, עס איז נישט דא דערויף קיין שום אנדערע עצה, ס'איז נישט דא אין דעם קיין חכמות, און ס'וועט גארנישט העלפען דערצו קיין שום זאך, ער געפינט זיך נישט דארטען! און דערפאר דארף מען זיך דערווייטערען פונעם שלעכטץ, צו רייניגען די הערצער און צו רייניגען די רצונות, און זיך דערהייבען פונעם עולם הזה.

**און** געוויס זיכער אז מ'דארף האבען אהבת ישראל און שלום. און נאך וואס מען איז זיך מתחזק מיט די אויבען דערמאנטע זאכען, און יעדער איינער איז זיך מתחזק און פארבעסערט זיך אינדעם וואס ער ווייסט ביי זיך - בפנימיותו וואס עס נויטיגט זיך צו פארעכטען, ערשט דעמאלט קען מען צולייגען דערויף א גארטעל - נאך פארשידענע הידורים און פארשידענע קבלות, וויא צום ביישפיל מקבל זיין שבת פריה א.ד.ג., וואס די אלע זאכען העלפען און זענען חשוב וואס מ'דארף זיך מתחזק זיין אינדעם, אבער בשום פנים ואופן קען מען נישט מאכען דעם צולייג - דעם תוספת אנדעם וואס מען זאל מאכען דעם עיקר.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין צו פארעכטען אונזערע וועגען.

**איך** האב געזעהן א לשון נפלא אין ספה"ק **אור יצחק** פון הרה"ק **רבי יצחק מראדווילא** זי"ע אויפ'ן פסוק (ו, ה-ו) 'וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ וגו', וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ', אז באמת איז אדם הראשון נישט אזוי שולדיג אין דאס וואס ער האט געזינדיגט, ווייל די ערד האט שוין געזינדיגט מיט דעם וואס זי האט נישט ארויס גענומען א עץ אז ס'זאל זיין טעמו כטעם הפרי אזוי וויא דער אייבערשטער האט איהר באפוילען, און דעריבער ווען אדם הראשון האט

געזינדיגט איז ער נישט אזוי שולדיג - ווייל ער איז דאך באשפען געווארען מן האדמה, און בשעת די בריאה איז שוין געווען די זוהמת החטא פון די אדמה, און דאס איז וואס ס'שטייט 'וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ, וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ' - דאס איז געווען די נחמה און טרייסט פון די רבונו של עולם אז ער האט איהם באשאפען מן הארץ וכנ"ל.

**און** פאר די אויבען דערמאנטע ווערטער, שרייבט ער בזה הלשון: 'אחיי ידידיי, זאת הוא אצלי מצוה גדולה ללמד זכות בכל מקום שכתוב בתורה איזה חטא, כמו אצל אדם הראשון או משה רבינו ע"ה, או ישראל שחטאו, ואבינכם הטעם מה שהאיר לנו השי"ת'. דאס הייסט, אז אין דער פסוק האט אונז די תורה הק' געלערנט אז מ'דארף מלמד זכות אויף די אידישע קינדער.

**דאס** אלעס איז געזאגט געווארען אלץ א לימוד זכות אויף אדם הראשון, וואס פאר'ן חטא איז די יצר הרע געווען פון אינדרויסען, און נאר נאכ'ן חטא איז דער יצר הרע אריין אינעם מענטש - אז דער מענטש שפירט אז ער אליין ווייל און גליסט, און דעריבער פאר'ן חטא דארף מען האבען די לימוד זכות אז ער איז באשאפען געווארען עפר מן האדמה.

**אבער** היינט, רבונו של עולם, די יצר הרע ברענט אין די גאסען, און די נסיונות זענען דאך אזוי שווער, דער רבונו של עולם אליין זאגט 'אשר הרעותי'. דער הייליגער **בארדיטשובער** זי"ע האט געזאגט אין זיינע צייטען כדי מלמד זיין סנגוריא: **רבונו של עולם וואס ווילסטו פון דיינע קינדער, אויב דער ראשית חכמה און די עונשים פון גיהנם וואלטען געהאנגען אין די גאסען, און דער יצר הרע וואלט מען באהאלטען אין די אינטערשטע פאליצע פון ספרים שאנק, וואלט מען בכלל נישט געזינדיגט.** אויב דער בארדיטשובער זי"ע האט אזוי געזאגט אין זיין דור, **מה נענה אנן אבתריה?!**

**די** גרעסטע און בעסטע סנגוריא אויף כלל ישראל איז דאס וואס שטייט אין תהלים (פה, ה) 'הפר כעסך עמנו', הרה"ק הרבי ר' **בונם מפרשיסחא** זי"ע האט געפרעגט זיין זון הרה"ק **רבי אברהם משה** זי"ע, אז לכאורה וואלט געדארפט

שטיין והפר כעסך 'מעמנו', וואס איז די באדייט פון 'עמנו'. האט הרה"ק רבי אברהם משה זי"ע געטייטשט על דרך משל, צו א קעניג וואס איז געווען זייער בייז אויף א געוויסע זאך, און מ'האט מורא געהאט איהם פראבירען צו בארואיגען, אבער זיינע נאנטע מענטשען האבען געוויסט אז כדי ער זאל זיך אפשטילען פון די בייזקייט דארף מען ברענגען פאר איהם זיין באליבטע בן יחיד, וואס גלייך ווען ער זעהט איהם ווערט ער בארואיגט פון די בייזקייט. אזוי בעטען מיר פונעם אייבערשטען, והפר כעסך 'עמנו', ס'זאל בטל ווערען די כעס און די רוגז מיט און דורך כלל ישראל, ווייל אונז זענען דאך בנך יחידך ישראל, און אפילו אויב עס איז דא טענות וואס איז מעורר כעס חלילה, אבער 'עמנו' יופר ויוסר כעסך פון אויף די גאנצע וועלט, עמנו - מיט אונז אליין. **רבונו של עולם, דו האסט אויף דער וועלט בנים יחידים - אידען** וואס ווילען זיין גוט און טוהן גוט'ס, מאכען חסדים און זענע משתדל צו זיין גוט און וואויל.

***יהי*** רצון שיגולו רחמיך ויכבשו רחמיך את כעסך, ובטובך הגדול הסר כעסך מעמך מארצך מעירך ומנחלתך, אנא תפרוס סוכת שלום על כלל ישראל, אז קיינער זאל נישט געשעדיגדט ווערען ח"ו. און מיר זענען מאמינים באמונה שלימה אז ס'וועט ווערען אנגענומען אונזערע תפלות לרצון, און וויא מ'זאגט ביי סליחות (פזמון בסליחות ליום ו' לפני ר"ה) 'אלה בנצחנימו ואלה ברצחנימו הבטחות' [ובזמנינו אפשר להוסיף: ואלה ברחפנימו], **און אונז אידען פארלאזען זיך און זענען פאריזכערט אין רבונו של עולם**, און גלייבען אין קיום דברי הנביא (ישעיה לא, ה) '**כצפרים עפות כן יגן ה' צבקות**', זיי האבען רחפנים און טילים, און אונז אידען האבען 'כצפרים עפות כן יגן ה' צבקות', און דער אייבערשטער זאל העלפען ס'זאל מקוים ווערען וואס מ'בעט ביים דאווענען ראש השנה '**כן תגן על עמך ישראל בשלומך**', ס'זאל זיין שלום און רואיג אין ארצה"ק, און מ'זאל הערן נאר בשורות טובות.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען, מיר זאלען דיר באמת קענען דינען מיט א ריינער און א אמת'ע הארץ, און מז'אל זיין ריכטיגע וואוילע גוטע אידען.